# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת שלח, כ"ו סיון, מברכים חודש תמוז, אבות פרק ג', שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 42 (402)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:16
מוצאי שב"ק.......................9:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............שמואל-ב' י"ט-כ'
בבלי..........................ערכין י"ג
ירושלמי............מעשר שני ל'
תוספתא..........יבמות פרק י"א
רמב"ם...מטמאי משכב ומושב ה'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ**, דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער. זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז אַ צַדִּיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיוּת. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, פַארְקֶערְט, וִוי גְרֶעסֶער דֶער צַדִּיק אִיז, אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין א.א.וו. אָבֶער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פִיל מִיט גוֹיִם, אַלֶעס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט.

אָבֶער דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת. פַארְקֶערְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְּלִים, אָבֶער דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן אַלֶעס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְס.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזָאגְט, **וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן הִימְל, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וֶועט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אוּמְזִיסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנּוּן? אוֹיב זֵיי וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זֶעהן אוֹיב זֵיי וֶוען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזֶעהן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזָעְן אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, אָבֶער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיב מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶער רַחוּם וְחַנּוּן - נֶעמְט יֶעדְן אָן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק שְׁלַח תש"ם)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### סְ'אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַ צָרָה, אִין אַ שְׁוֶוערִיקֵייט, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג אַרַיין צוּם פְּרָאבְּלֶעם, אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם. דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן קְלֶערְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, עֶס אִיז אַלֶעמָאל דָא אַ וֶועג אַרוֹיס.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, סֵיי וָואס מֶען וֶועט נָאר וֶועלְן טוּן אוּן אוֹיסְפִירְן, וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין אוֹיף דֶעם שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָאס לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְלַאטִיג, עֶס מַאכְן זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטֶערוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, דֶער עִיקָר חָכְמָה אִין לֶעבְּן אִיז צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער

<<<<<<

## א גוט ווארט

בְּנוֹגֵעַ זוּמֶער וְכוּ'; פוּן אֵיין זַייט אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זַיין אִינְדְרוֹיסְן מִחוּץ לָעִיר בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֲרָה, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אָן דִי וַוייבּ; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַרוֹיס צוּ קוּמֶען וִוי מֶער צוּ דַיין וַוייבּ. הַלְוַאי וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעקֶענְט זַיין אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיט אִיר, אָבֶער אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז אִין שְׁטָאט, אוּן דוּ דַארְפְסְט זַיין אִין שְׁטָאט יֶעדְן טָאג, זָאלְסְטוּ כָאטְשׁ פְּרָאבִּירְן וִוי מֶער אַרוֹיסְקוּמֶען צוּ אִיר, וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

פַאר דַיין טוֹבָה וֶועגְן - פַאר דַיין אֵייבִּיגֶע לֶעבְּן אוּן פַאר דַיין אִיצְטִיגֶע לֶעבְּן, זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעטוּן עַד הַיּוֹם הַזֶּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּתַחֲנוּנִים עֶר זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פּ' שְׁלַח תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי סַאךְ, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט אָטעמֶען, וָואס טוּ אִיךְ?

***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק יוֹמִי, מַיין טָאג הוֹיבְּט זִיךְ אָן גָאר אַנְדֶערְשׁ נָאכְ'ן הֶערְן דִי טֶעגְלִיכֶע חִיזוּק, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר אַז סְ'זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן נָאר בַּיים הֶערְן, נָאר אוֹיךְ צוּ "גֵיין" אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם.

אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין ב"ה בַּיים עֶנְדִיגְן דִי דְרִיטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, גְּמָרָא, אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּלִיבּ מַיין אַרְבֶּעט.

אִיךְ אַרְבֶּעט גָאר אַסַאךְ שָׁעוֹת יֶעדְן טָאג, מַמָּשׁ פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, אוּן אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט לִיבּ דִי אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ טוּ, אָבֶּער נָאר דָאס הָאבּ אִיךְ יֶעצְט. אוּן דָאס גֵייט אַסַאךְ סַיי אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג צַייט פַאר זֵיי, אוּן סַיי אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן לֶערְנֶען, אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען מַיינֶע לִימוּדִים גֶעהֶערִיג יֶעדְן טָאג. אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן סְ'זָאל מִיר אוּנְטֶערְקוּמֶען אַ בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה, וֵוייניגֶער שָׁעוֹת מִיט מֶער גֶעלְט, אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל שִׂמְחָה אִיז מְסוּגָל אוֹיף פַּרְנָסָה בְּנָקֵל, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה 'חַתְ"ךְ' וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טז): "פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶךָ'", אִיז אוֹיךְ דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְבָרִים טז, טו): "וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ'"; זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּגְלַייךְ, אוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז אֵיינֶער אַרְבֶּעט שְׁוֶוערֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן - אִיז וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵוויי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁכֵנִים הוֹיז צוּ הוֹיז, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ קַמְצָן - אַ קַארְגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה; דִי אָרִימֶעלַייט הָאבְּן גֶעווּאוּסְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן עוֹשֶׁר דֶער נָדִיב לֵב וָואס טֵיילְט מִיט אַ בְּרֵייט הַארְץ צְדָקָה, מֶען פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים אוּן עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְנֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה אוּן צוּגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע סְכוּם גֶעלְט.

וַיְהִי הַיּוֹם עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן וָואס הָאט גֶעהֶערְט אַז אִין דֶעם גֶעווִיסְן שְׁטָאט וואוֹינְט דֶער גוּטְהַארְצִיגֶער עוֹשֶׁר, אִיז עֶר אַהִין גֶעפָארְן אָבֶּער צוּ זַיין מַזָל הָאט עֶר זִיךְ

<<<<<<

>>>>>>

מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס הַאנְדְלֶען. אוּן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע רָצוֹן, מִיט אַן אֱמֶת'ן ווִילְן, קֶען מֶען אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שְׁוֶועריִקֵייטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אוֹיף ווִיפִיל זַיינֶע כּוֹחוֹת קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אַ גֶעווִיסֶע שְׁוֶועריִקֵייט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טַאקֶע דִי כּוֹחוֹת דָאס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען. וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, גֵייט שׁוֹין דָאס לֶעבְּן פִיל גְרִינְגֶער.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דֶערוֹיף אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד. וֶוען מֶען ווִיל אָנְרֵייצְן אַ קִינְד אַז עֶר זָאל וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט מֶען אִים עֶס וַוייזְן אוּן נָאכְדֶעם עֶס גְלַייךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל נָאךְ מֶער וֶועלְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן צוּ בַּאקוּמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר ווִיל צוּקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּמָאל בַּאהַאלְטְן, עֶר וֶועט אִים אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן שְׁוֶועריִקֵייטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן דָאס וֶועט נָאךְ מֶער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן בַּאקוּמֶען. אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן זַיין רָצוֹן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט עֶר דוּרְכְבְּרֶעכְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין אִיבֶּער אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ זַיין צִיל. דִי "מְנִיעוֹת", דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, וֶועלְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ "נְעִימוּת", צוּ אַ זִיסְקֵייט.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַ אִיד זִיךְ צוּ דוּרְכְרֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיבֶּער אַ גֶעווִיסֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט דוּרְכְפִירְן, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן פְרַייטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן עֶר הָאט פּוּנְקְט גֶעהַאלְטְן בַּיים פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כד) "וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק", דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵידָה, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם פְּלַאץ פוּן דֶער וַוייטְנְס, זָאגְט רַשִׁ"י וִוי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט וואוּ דֶער פְּלַאץ אִיז? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַ וָואלְקְן אוֹיפְ'ן בַּארְג.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דֶער עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְּרָאבְּלֶעם. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין? וֶוען מֶען זֶעט דָארְט אַ וָואלְקְן, מֶען זֶעט אַז דֶער וֶועג צוּם פְּלַאץ אִיז פַארְוָואלְקְנְט אוּן פַארְנֶעפְּלְט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט גְלַייךְ אוּן גְלַאטִיג, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּנֶעם וָואלְקְן, אוּן דַאן אִיז מֶען מַצְלִיחַ אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיל.

### עֶס אִיז דָא אַ וֶועג

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל דֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט, וַוייל זֵיי קְלֶערְן אַז עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער, זֵיי הָאבְּן צוּפִיל שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, וֶועט עֶר טְרֶעפְן וֶועגְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ו) אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", בִּפְשָׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער דֶער וָוארְט "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גְנֵיבָה", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אִיבְּרִיג צַייט, אָבֶּער הָאסְטוּ כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּ'גַנְבְ'עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט פַאר תּוֹרָה?

דִי גְמָרָא זָאגְט (יוֹמָא לה:) "הִלֵּל מְחַיֵּיב אֶת הָעֲנִיִּים, רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם מְחַיֵּיב אֶת הָעֲשִׁירִים, יוֹסֵף מְחַיֵּיב אֶת הָרְשָׁעִים" - דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר פַארֶענְטְפֶערְט זִיךְ פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ אָרֶעם, אָדֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ רַייךְ אוּן פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זָאגְט מֶען אִים אַז עֶר זָאל קוּקְן דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן.

הִלֵּל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ גֶעבְּן פַארְ'ן שׁוֹמֵר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יוֹסֵף הַצַּדִּיק וָואס הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּמְט אוֹיס אַז דִי צַדִּיקִים זֶענֶען מְחַיֵּיב יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז וֶוער עֶס הָאט זִיךְ יָא אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי סָארְט תֵּירוּצִים, וֶועט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ (מִשְׁלֵי יז) "גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב", אַ צַדִּיק זוּכְט נִישְׁט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן מֶענְטְשְׁן, עֶר זוּכְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ דוּרְךְ אִים. אוּן דָא זָאגְן חַזַ"ל אַז דִי צַדִּיקִים וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין תּוֹרָה.

נָאר מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר מֶען רֶעדְט טַאקֶע נָאךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער וָוארְט "מְחַיֵּיב" קֶען מֵיינֶען אַז זֵיי מַאכְן דֶערְפוּן אַ "מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) הִלֵּל הָאט גֶעעֶפֶנְט אַ וֶועג אוּן גֶעווִיזְן פַאר יֶעדְן אַז אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ מוּסְטֶער צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ אַ פַארְנוּמֶענֶער עוֹשֶׁר הָאט אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט דֶערְקְלֶערְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אוּן פוּן זֵיי דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אָפְּלֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט

<<<<<<

>>>>>>
פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מֶען קֶען אַמָאל טְרַאכְטְן אַז נָאר יֶעצְט זֶענֶען דָא דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועט שׁוֹין אַלֶעס זַיין מְסוּדָר, עֶס וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט אוּן גְלַאטִיג, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

אַ בָּחוּר טְרַאכְט אַז יֶעצְט הָאט עֶר טַאקֶע אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן שְׁוֶוערִיקַייטְן, אָבֶער וֶוען עֶר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט עֶר זַיין גֶעהֶערִיג מְסוּדָר, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין. וֶוען עֶר הָאט אָבֶער חֲתוּנָה זֶעט עֶר אַז עֶרְשְׁט דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁוֶוערִיקַייטְן, אוּן דַאן וִויל עֶר עֶס אָפְּלֵייגְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין גְרוֹיס וֶוערְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר וַוייטֶער שְׁוֶוערִיקַייטְן טַאקֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר קְלֶערְט אַז נָאכְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן אַ רוּאִיגְקֵייט, אָבֶער דֶעמָאלְט קוּמֶען אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער כְּלַל אִיז: אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֵייבִּיג נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין, עֶר קֶען אֵייבִּיג אוֹיסְפִּירְן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל אֱמֶת'דִיג טוּן, סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת. אָבֶער אַלֶעמָאל וֶועלְן אוֹיךְ אוּנְטֶער קוּמֶען שְׁוֶוערִיקַייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט אַ וֶועג אַרוֹיס, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף. דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ג' עֶרֶךְ מְנִיעוֹת)

>>>>>>
אויך אסאך אידיש נחת אויף ווייטער.

**קול מצהלות חתנים מחופתם!**

***

## מיידל קעמפ ווערט באנייעט

ווי שוין געמאלדן האט מען דאס יאר ב"ה באוויזן צו קויפן א נייעם קעמפ פאר די מיידלעך, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען עס שוין באנייען אויף דעם זומער.

די מיידלעך וועלן אי"ה פארברענגען איניינעם דעם זומער אין אן אטמאספער פון אמונה און יראת שמים, אויף א געשמאקן און ערליכן פארנעם, מיט די לימודים און עצות פון הייליגן רבי'ן, וואס מיר האבן מקבל געווען פון מוהרא"ש.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן די מיידלעך גאר שטארק הנאה האבן די ניין וואכן אין קעמפ, און אהיימקומען מיט פילע פעק פון יראת שמים, תפלה, אמונה, און מדות טובות.

**כה תאמר לבית יעקב!**

***

## חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש

א שיינער ציבור איז זיך צוזאם געקומען דעם זונטאג אין תלמוד תורה היכל הקודש אין וויליאמסבורג, צום "חומש סעודה" פאר די קינדערלעך די צאן קדשים פון כיתה א' וואס גייען יעצט אנגעהייבן צו לערנען די הייליגע חומש.

עס האט געהערשט א געוואלדיגע שמחה און התרגשות ווען די קינדער זענען אריינגעקומען מיט שטראלענדע געזיכטער אנגעטון מיט בגדי שבת און מיט א קרוין אויפן קעפל, מיט זייער נאמען דערויף.

די טאטעס און מאמעס, זיידעס און באבעס, קרובים און באקאנטע, האבן געשעפט נחת צו זען ווי די טייערע קינדערלעך זינגען די שיינע הארציגע ניגונים, און זאגן די הייליגע חומש ויקרא, אזוי ווי דער מנהג איז.

דערנאך האט מען געהערט עטליכע ווערטער פון הר"ר אהרן וועבערמאן הי"ו, וואס האט קינדער און אייניקלעך וואס לערנען אין די ברסלבע תלמוד תורה, ער האט ארויסגעברענגט בשם אלע עלטערן און זיידעס די געוואלדיגע הכרת הטוב וואס זיי האבן פאר די פילע כוחות וואס מען לייגט אריין אין די טייערע קינדער.

נאכדעם האט גערעדט דער מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א, ארויסברענגען אז די עיקר נחת וואס מ'נעמט מיט איז נישט דאס וואס די קינדער שטעלן זיך אויף זינגען אזוי שיין, נאר די פילע תורה און תפלה, אמונה און יראת שמים, וואס די קינדער באקומען דעם גאנצן יאר יעדן טאג אין חדר, וואס דאס בלייבט איינגעקריצט אין זייערע ביינער פאר'ן גאנצן לעבן.

דערנאך האבן די קינדערלעך באקומען א שיינעם סידור אריינגעקריצט מיט זייער נאמען, און א פעקל נאש.

**יבואו טהורים ויתעסקו בטהורות!**

***

## ריזיגער ציבור פון איבער 4,000 נדבנים געבן צושטייער פאר "מיין לעבן" קאמפיין

א שטארקע ווארימקייט האט זיך אנגעזען ביים ציבור די פארגאנגענע וואך צום "מיין לעבן" מיליאן דאלער קאמפיין, וואס איז אונטערגענומען געווארן צו קענען קויפן א נייעם בנין פאר די מוסדות.

איבער פיר טויזנט נדבנים האבן זיך משתתף געווען מיט גרעסערע און קלענערע סכומים ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות, און כאטש וואס דער קאמפיין איז טאקע נישט אנגעקומען צום ציל פון א מיליאן דאלער, איז אבער אריינגעקומען א שיינע סכום, און עס האט זיך ארויסגעוויזן די געוואלדיגע הכרת הטוב וואס פילע טויזנטער אידן האבן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, פאר זיינע דרשות און חיזוק וואס געבן אזויפיל מוט אין לעבן, אזויפיל עצות אין לעבן, אזויפיל חיזוק אין לעבן, זיך צו שטארקן אין יעדן מצב, און קיינמאל נישט אוועקגיין פון באשעפער.

**שפע ברכה והצלחה!**

>>>>>>
טוֹעֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם עוֹשֶׁר דֶעם קַמְצָן אוּן אִים גֶעבֶּעטְן צְדָקָה, הָאט אִים דֶער קַמְצָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ דָא בַּיי מִיר אִין גָארְטְן אַסַאךְ בֵּיימֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי צֶעשְׁנַיידְן, אַז דוּ וֶועסְט מִיר צֶעשְׁנַיידְן דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶסְן", אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, דֶער אָרִימַאן הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאק אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶר הָאט צֶעהַאקְט אַלֶע בֵּיימֶער אוֹיף שְׁפֶּענְדְלֶעךְ אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל הַבַּיִת בֶּעטְן עֶסְן, זָאגְט אִים דֶער קַמְצָן: "קוּם מִיט מִיר", אוּן עֶר פִירְט אִים צוּם שָׁכֵן'ס הוֹיז - דִי הוֹיז פוּנֶעם צְוֵוייטְן עוֹשֶׁר - זָאגְנְדִיג: "קְלַאפּ אַרַיין בַּיי דֶעם טִיר, דָא וֶועסְטוּ אַלֶעס בַּאקוּמֶען; עֶסְן, גֶעלְט וְכוּ'", דֶער אָרִימַאן הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אֵיין זַאךְ, אֵיין בַּעַל הַבַּיִת; הָאט עֶר אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אוּן תֵּיכֶף וּמִיַּד הָאט מֶען אִים אוֹיף גֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אוּן אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן מִכָּל טוּב וְטוּב, אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט זִיךְ דֶער אָרִימַאן אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעהָארֶעוֶועט פַאר דִי עֶסְן", וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הֵייסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאקְט הָאלְץ אַ גַאנְצְן טָאג בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דָאס עֶסְן, דָאס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג", הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט", מֶען הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט וָואס דָא אִיז פָארְגֶעקוּמֶען, אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן אוֹיבּ וָואלְט עֶר קוֹדֶם אָנְגֶעקוּמֶען אַהֶער וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן, וַוייל דָא גֶעבְּט מֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם עֶסְן בְּחִינָם.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם עֶסְן אוּן גֶעלְט אוּמְזִיסְט, אָבֶער אַז מֶען זִינְדִיגְט דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן אָפְּצוּקוּמֶען דָאס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן. דָאס הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אָרִימַאן: **"אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט"**, אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט דַארְף עֶר אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אוּן מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אָפּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בְּחִינָם.

גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעד מִיט אִים יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן עֶס זָאל דִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג דַיין פַּרְנָסָה אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹיפִיל מוּטְשֶׁען, וַוייל מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלְצְדִינְג בַּאקוּמֶען. זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט אַ גְרִינְגֶערֶע פַּרְנָסָה, בֶּעט אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ פַּרְנָסָה וָואס אִיךְ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן צַייט צוּ לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער"**, אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַ נֵס אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה וֶועט דִיר אָנְקוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה אַסַאךְ גְרִינְגֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן פג): "אֱמוּנָה הוּא טוֹב לְפַרְנָסָה", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען פַּרְנָסָה; נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דַיין פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

BreslevCenter.com\answers


**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132



# וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוֹיפְ'ן גַאס?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל נָאכְאַמָאל זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ, אוּן אַ סְפֶּעצִיעֶלְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי נִיגוּנִים וָואס מְ'זִינְגְט כְּסֵדֶר פַאר'ן שִׁיעוּר, אִיךְ וֶוער יֶעדֶעס מָאל אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע נִיגוּנִים, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָשׁ וִוי סְ'הוֹיבְּט מִיר אוֹיף, סְ'נֶעמְט מִיר אַרוֹיס פוּן אַלֶע וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיר אַרַיין אִין אַזַא לִיכְטִיגֶע וֶועלְט פוּן אֱמוּנָה אוּן תְּשׁוּבָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַן עֵצָה. אִיךְ וואוֹין אוֹיף אַן הוֹיפְּט גַאס אִין מַיין שְׁטָאט, אוּן יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער אִיז מַמָשׁ אַ פַּחַד צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן גַאס וָואס אִיז פוּל מִיט אַזוֹיפִיל פְּרִיצוּת, אוּן סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, טָאג טֶעגְלִיךְ דַארְף אִיךְ פִירְן מִלְחָמוֹת מִיט מִיר אַלֵיין אָן אוֹיפְהֶער, וּבִפְרַט וָואס דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן אִיז נָאר דוּרְכְ'ן אַרָאפְּבֵייגְן דִי אוֹיגְן בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, אוּן דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ טוּן כְּסֵדֶר. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק אוֹיף דֶעם, וַוייל אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכֶפֶל כִּפְלַיִם אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר זֶענֶען אַלֶע אִין דֶעם זֶעלְבְּן צָרָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ מֶען וואוֹינְט; מֶען קֶען מַמָשׁ נִישְׁט גֵיין אִין גַאס זוּמֶער, דִי גוֹיִם גֵייעֶן אוֹיסְגֶעטוּן וִוי דִי חַיוֹת אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן. דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט מְשׁוּגֶע דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל קוּקְן וואוּ עֶס גְלִיסְט זִיךְ אִים, אוּן אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם אָפְּגֶעקִילְט פוּן אִידִישְׁקֵייט.

אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז וִוי גְרוֹיס אוּן שְׁוֶוער דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז, אַלְץ גְרֶעסֶער זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס גֶעבְּן אוּנְז עֵצוֹת לוֹחֵם צוּ זַיין מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לו): וֶוען עֶס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ תַּאֲוַת נִאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, זָאל עֶר זָאגְן דֶעם פָּסוּק: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", אוּן: "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד"; וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי תַּאֲוָה נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע תַּאֲוָה. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם) אַז אוֹיבּ מֶען אִיז זֵייעֶר פַארְזִינְקֶען אִין דִי תַּאֲוָה זָאל מֶען וֵוויינֶען בִּשְׁעַת מֶען זָאגְט דִי צְוֵויי פְּסוּקִים אוּן דָאס וֶועט רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין בְּלָאטֶע; וַוייל וִוי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת.

וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס זָאלְסְטוּ אַרָאפְּקוּקְן בִּיז דֶער עֶרְד, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ דֶערְצֵיילְט (פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים פד.): "וְכַךְ הֲוָה רַבִּי שִׁמְעוֹן עָבִיד", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן, "כַּד הֲוָה אָזִיל בְּמָתָא וַהֲווּ חַבְרַיָּיא אַזְלִין אֲבַתְרֵיהּ", וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, "וְחָמָא לְאִינְתּוּ שְׁפִּירָאן", אוּן עֶס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען פְרוֹיעֶן, "מָאִיךְ עֵינֵיהּ", הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעקוּקְט, "וַהֲוָה אָמַר לְחַבְרַיָּיא אַל תִּפְנוּ", אוּן עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים דֶעם פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, ד): "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, גֵייטְס נִישְׁט נָאךְ קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב; לֵייג דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל זַיין עֶרְלִיךְ", אַזוֹי אוֹיךְ פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אָדֶער פוּן סַיי וואוּ - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם וואוּ דוּ דַארְפְסְט אָנְקוּמֶען.

אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס וֶועלְן שְׁרַייבְּן חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן יט): "מִי שֶׁאֵין מִסְתַּכֵּל עַל נָשִׁים, זוֹכֶה שֶׁזַּרְעוֹ יְחַבְּרוּ פֵּרוּשִׁים עַל הַתּוֹרָה", וֶוער עֶס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וֶועט זוֹכֶה זַיין אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אַרוֹיס גֶעבְּן סְפָרִים פוּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מען פארט ארויס אין "מחנה תפארת התורה"

אזוי ווי אלע יארן וועלן די בחורים דאס יאר אויך ארויספארן אין קעמפ, צו ווײלן אויף די זומער וואכן ווייט אוועק פון די שטאט, וואו זיי וועלן אויסניצן די טעג פון זומער מיט תורה און עבודה, אפגעזונדערט פון די אלע שטאטישע פראבלעמען, און זיך קונה זיין אסאך גוטע זאכן.

בפרט איז באקאנט דער שיעור התחזקות וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר אין קעמפ יעדע נאכט אום 8:30 צו וואס עס קומען צו פארן אידן פון די נאנט און ווייט, צו הערן אביסל ווארימע ווערטער און זיך דערכאפן דאס הארץ, און זיך דערמאנען א קוק צו טון אויפן הימל, און געדענקען אז נאר דער באשעפער פירט די וועלט ווי אזוי ער וויל, און מ'דארף זיך ווענדן נאר צו אים.

די זומער וואכן זענען די בעסטע הכנה צו די הייליגע טעג, מען פארברענגט אין קעמפ נאר מיט דיביימער און הימל און מיט'ן אייבערשטן, עס איז גארנישט דא פאר די אויגן, נאר זיך קונה צו זיין תורה ותפלה ויראת שמים, און מיט דעם צוגיין צום ראש השנה, דער יום הדין, מיט די אלע גוטע זאכן וואס מען האט זיך איינגעקויפט אינעם זומער.

נאך זומער וועלן אלע בחורים פארן אינאיינעם מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אויף ראש השנה קיין אומאן, אזוי ווי די לעצטיגע יארן וואס אלע בחורים פארן אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה, און רעכטן אפ דעם יום טוב אין אומאן די תפלות און די סעודות בדיבוק חברים.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דער זומער אויך זיין א גרויסע סוקסעס, אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, און זיך אנשעפן פילע הויפענעס מיט תורה ויראה.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**

***

## נייעטע חתונה אין היכל בית המדרש

דעם דינסטאג איז געגאנגען אונטער די חופה החתן אליעזר שלמה גרינבלאט הי"ו בן מו"ה מאיר הי"ו, עב"ג בת מו"ה ברוך ברדוגו הי"ו. די פרייליכע חתונה איז פארגעקומען אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג, וואו א שיינע ציבור משפחה און באקאנטע זענען זיך צוזאם געקומען זיך מיטצופרייען מיט די שמחת חתן וכלה.

ברוך השם, אז די חתונות אין בית המדרש איז שוין בכלל נישט קיין נייעס, עס איז שוין יעצט די נייעטע חתונה וואס קאסט "גארנישט" פאר די מחותנים.

כמעשהו בראשונות כך מעשהו בשניות, אזוי ווי די פריערדיגע חתונות האט מען יעצט נאכאמאל געזען באשיינפערליך אז מ'קען מאכן א הערליכע פרייליכע חתונה, וואס דארף זיך גארנישט שעמען פון סיי וועלכע אנדערע חתונה, און עס דארף נישט ברענגען קיין חובות און עגמת נפש פאר די מחותנים, נאר עס ברענגט שמחה און פרייד, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
החתן **אליעזר שלמה גרינבלאט** הי"ו
בן מו"ה **מאיר** הי"ו
**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**
בת מו"ה **ברוך ברדוגו** הי"ו

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **/chizikyomi@gmail.com** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**